NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13500

VEMES IZ ES MEYDELE?

Leib Kvitko

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייב קוויטקאָ

וועמעס איז עס מיידעלע?

מעלוכע פֿאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע 1940

לייב קוויטקאָ

וועמעס איז עס מיידעלע?

צייכענונגען מ. פּאָליאַקאָוו

מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע 1940

װעמעס איז עס מײדעלע
אינעם בלױיען קלײדעלע,
אינעם װײַסן היטל,
אין דער האנט א ריטל
באבעלעך צו כאפּן אינעם סאָד?

זע, פארלױרן גײט זיך עס,
אין דער ענגשאפט דרײט זיך עס!
זע נאָר װי די אױגן
לױפן אום צעפלױגן! —
האָט זיך ניט געטראָפן עפּעס־װאָס?

יאָ, סע האָט געטראָפן זיך,
געטראָפן זיך, פארלאָפן זיך
א זאך:

דאָס מיידעלע מיט איר מאמען און מיטן קליינעם ברו־דערל יאני אַף דער מאמעס הענט זײַנען געקומען צום עלעקטרישן צוג צו פאָרן אַף דער דאטשע. עס איַלן זיך צום וואגאָן א סאך פרויען מיט א סאך קינדער, וואָס פאָרן אויך. האָט די מאמע אין אײַלעניש ניט געזען, אַז איר מיידעלע האָט זיך פארקוקט אַף די קינדער, און זי האָט אָנגענומען א פרעמד מיידעלע באַם אקסל און עס ארײַנגעפירט אין וואגאָן.

דער צוג איז אָפּגעגאנגען, און איר מיידעלע איז פארבליבן אין דרויסן.

— וועמעס איז עס מיידעלע? —
ווילן אלע וויסן.

די אויגן אופגעריסן
קוקט זיך עס ארום.
— קען עס דען ניט ריידן נאָך,
איז עס עפשער שטום?

— ווער איז עס מיידעלע? —
ווילן מענטשן הערן.
אין אויגן שטייען טרערן,
ס'האלט זיך אָבער איין.
— ווער איז עס מיידעלע,
וואָס וועט מיט איר זיין?..

מענטשן גייען צו און נעמען זי אויספרעגן, וואָס און ווער און ווו וווינען טאַטע־מאַמע. אָבער דאָס מיידעלע איז צעשראָקן און זאָגט ניט יאָ, ניט ניין.

דאָס מיידעלע וואָלט דאַפקע געוואָלט די מענטשן אַלץ דערציילן, וואָס און ווער, נאָר אַלע ווערטער זיינען אַרויס־געפלויגן פונעם מויל.

ווי ז'איר נאָמען — ווייסט זי ניט,
ווי מע רופט זי — הייסט זי ניט.
וואָס מע זאָגט איר — הערט זי ניט,
אין די זייטן קערט זי זיך:
זאָל כאָטש זיין דאָ איין באַקענטער,
איינס א פריינטל זאָל דא זיין!
אַלץ פאַרדרייט איז און פאַרענדערט! —
שטייט זי, שווייגט און קוקט זיך איין:
פרעמדע זיינען דאָ און דאָ, —
נאָר די מאַמע איז ניטאָ!

די אומבאקאנטע מומעס און פעטערס ריידן עפּעס, ערגעץ ווילן זיי זי פירן, ווילן איר העלפן, נאָר זי לאָזט זיך אפילע ניט אָנעמען באַם הענטל, זי טראַכט זיך אירס:

וואָס זאָל זי טאָן און וואָס־הייבט מען אָן?
אָט דאָ אפ דעם אָרט איז געווען דער וואַגאָן,
די מאַמע מיט יאַניצ געשטאַנען אָט דאָ, —
און איצט איז דאָ ליידיק, די מאַמע ניטאָ,
און אויך ניט דער סאָד אפ די זשוקלעך צו פּאַקן,
און אויך ניט דער פראָש, וואָס איז דאָ דאָרט צום קוואַקן.
אָט דאָ וועט זי בלייַבן איינע אַליין,
איינע אַליין און געבן א וויין.

ווי זי וויל שוין אָנהייבן וויינען, דערזעט זי פּלוצעם א באַקאַנטן:
— אָט איז דאָ אַן אייגענער!
איר אַלטער גוטער־פרייַנט!
ער האָט אַזוי גאָר אומגעריכט
פאַר איר אָט דאָ דערשייַנט!

זי האָט מיט הענט א פּאטש
געטאָן, —
ניטאָ קיין מוירע מער!
און איצט האָט ערשט א שפּריץ
געטאָן
פון פרייד איר ערשטע טרער.

— וועמען האָט זי עס דערזען? —
כידעשן זיך מענטשן.
זי טוט זיך א ריס אין יענער זײַט,
און די מענטשן לאָזן איר דעם וועג,
זיי קוקן איר נאָך. נאָר זיי זעען דאָרט
קיינעם ניט, כוץ סטאַלינס בילד צווישן
די פענצטער פונעם וואָקזאַל, — ער
האַלט די ליולקע אין א האנט פאַר־
דריקט. דאָס מיידעלע האָט זיך צו־
געשטעלט נאָענט לעבן אים.

און מיטאמאָל האָט זי פֿריילעך א מאַך געטאָן צום אוילעם מיטן הענטל, ווי איינער רעדט: „קומט הער, וועלן מיר דאָ מיט אײַך ריידן".

שמייכלענדיק, זײַנען די מענטשן צוגעגאַנגען צו איר, און, ניט ווארטנדיק, מע זאָל זי אָנהייבן פרעגן, האָט זי אַליין קלינגענדיק און פריילעך געמאָלדן:

— מײַן וואָלקאָווא, דרײַ יאָר דאָס פערטע! קיראָוו־גאַס אכט און זיבעציק, קווארטיר נײַן.

האָבן מענטשן שטארק געלאַכט:
— אָט א מיידעלע, א פּראַכט!

איינער דריקט איר פעסט די האַנט —
ער וויל זײַן מיט איר באַקאַנט,
איינער הייבט זי אויף אין לופט,
איינער „מײַנקע" זי רופט.
איינער ברענגט איר עפּעס זיס,
איינער שענקט א זשמעניע ניס,
איינער האָט א שפּיל געבראַכט...

און דאָס מיידעלע, — סע לאַכט,
און דאָס מיידעלע, — סע שײַנט
לעבן גרויסן קינדער־פרײַנט.

אונ באלד איז מיטנ־צוג צו מײַענ אויכ איר מאמע אָנגעקומענ.

Л. КВИТКО

ЧЬЯ ЭТА ДЕВОЧКА?

Рисунки М. ПОЛЯКОВА

Редактор А. Фрумкин. Техред. М. Погостер. Корректор А. Харман.
Сдано в набор 13|I-40 г. Подписано к печати 2|III-40 г. Ф. б. 70×108 1/32.
П. л. 3/8. Уч. изд. листа 0,4. Уполн. Главлита РСФСР А—25794.
«Дер Эмес» 339. Тираж 10.000. Цена 50 коп. Зак. 2048.

17-я ф-ка изд. книги ОГИЗ'а РСФСР треста „Полиграфкнига".
Москва, Шлюзовая наб., д. 10.